# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת חיי שרה, כ"ד חשון, מברכים חודש כסלו, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 9 (524)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:37
מוצאי שב"ק...................7:07

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שופטים ג'-ד'
בבלי.................ראש השנה כ"א
ירושלמי..................גיטין י"ט
תוספתא................כתובות ט'
רמב"ם.......מעשה הקרבנות ד'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים, וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל. וָואס אִיז דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם אָנְהוֹיבּ פָּסוּק מִיטְ'ן סוֹף פוּנֶעם פָּסוּק?**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז') אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק הָאט אַ בְּחִינָה פוּן "כֹּל", וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִבְרֵי הַיָּמִים-א' כ"ט, י"א) "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", דָאס מֵיינְט אַז עֶר כַאפְּט אָן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, סַיי דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע וועלט און סַיי דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע וֶועלְט. אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַסְבִּיר אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק דַארְף קֶענֶען רֶעדְן צוּ בֵּיידֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, סַיי גֶעהוֹיבֶּענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר הוֹיךְ און נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סַיי נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַּאר דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע מֶענְטְשְׁן וַוייזְט דֶער צַדִּיק אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן וויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּכְלַל, זֵיי זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַ לַאנְגֶע וֶועג צוּ גֵיין און אָנְצוּקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי דַארְפְן אָנְקוּמֶען.

אוּן פַארְקֶערְט, פַאר דִי נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייזְט דֶער צַדִּיק אַז "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ" (יְשַׁעְיָה ו', ג') דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, אֲפִילוּ דָארְט טִיף אִין דֶער עֶרְד וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט, אוּן עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער צַדִּיק מְקַיֵּים דֶעם פָּסוּק (שָׁם כ"ו, י"ט) "הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר", עֶר וֶועקְט זֵיי אוֹיף און וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ מִיט זֵיי, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק אַז זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי אִין סַיי וֶועלְכֶע מַצָּב זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ נָאר, זֵיי דַארְפְן נָאר עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט גְלַייךְ נֶעבְּן זֵיי און הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מוֹיל, און עֶר וֶועט זֵיי זִיכֶער הֶעלְפְן.

דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן "כֹּל" וָואס דֶער צַדִּיק פַארְמָאגְט, עֶר אִיז "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית ל"א. - תִּיקּוּנֵי זוֹהַר כ"ט.) "דְאָחִיד בִּשְׁמַיָּא וְאַרְעָא", עֶר הָאט דִי רִיכְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, סַיי פַאר דִי וָואס פְלִיעֶן אִין הִימְל און סַיי צוּ דִי וָואס לִיגְן טִיף אִין דֶער עֶרְד.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען זִיךְ מַאכְן בַּיי אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיךְ, אֵיין טָאג שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהוֹיבְּן, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר שׁוֹין אָנְקוּמֶען אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה און עֶר הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין וַוייטֶער, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין פְּלַאץ צוּ שְׁטֵייגְן, אוּן אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער שְׁפִּירְט עֶר וִוי עֶר אִיז טִיף אִין דֶער עֶרְד, אַז עֶר הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם צַדִּיק וָואס זָאל שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע מַצָּב וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, עֶר זָאל אַלְץ הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען, צוּ וִויסְן אַלֶעמָאל דֶעם וֶועג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים, חֲזַ"ל זָאגְן "אֵין זָקֵן אֶלָּא מִי שֶׁקָּנָה חָכְמָה", אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער אֱמֶת'עֶר חָכָם און צַדִּיק וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע זַיינֶע טֶעג, סַיי אִין דִי הוֹיכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, און סַיי אִין דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט אַלְץ גֶעהַאט דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט אַבְרָהָם אָבִינוּ מִיט צֶען שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, נִישְׁט אַלְץ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט גֶעהוֹיבְּן און נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מְחַזֵּק גֶעוֶוען, און גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז גֶעוֶוען, וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל, אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט דִי מִדָּה פוּן "כֹּל", עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי מַדְרֵיגָה צוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, סַיי דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע און סַיי דִי נִידְרִיגֶע, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט אַז אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע מַצָּב סַיי גֶעפִינֶען זִיךְ, הָאבְּן זֵיי אַ וֶועג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֱמֶת'ן גְרוֹיסְן צַדִּיק וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע לִימוּדִים פַאר אוּנְז, עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן און וַוייזְן דֶעם וֶועג אִין סַיי וֶועלְכֶע מַצָּב מִיר זָאלְן זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען, דַאן וֶועלְן מִיר וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מַצְלִיחַ זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

(תּוֹךְ הַנַּחַל חַיֵּי שָׂרָה תשע"א)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זָארְגְן פַּאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ יֶענֶער הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. און אוֹיבּ הָאט יֶענֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶען מִיט וָואס עֶר קֶען יֶענֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיּוּת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶענֶער טוּט טַאקֶע נָאר וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג. אַוַודַאי דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מְחַזֵּק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אִים צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער און אַזוֹי אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת. און זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן און צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שׁוּל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן און עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת און מֶען הָאט אִים שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן זַיין דִירָה. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז צוּקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד און אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זַיין תְּפִלִּין לִיגְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ... דֶער אִיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט און גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם: "וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? אוֹיבּ זָארְגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר מִיר, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָארְגְן פַאר מַיין גַשְׁמִיּוּת און נִישְׁט פַאר מַיין רוּחְנִיּוּת"...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען און עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד און הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, און דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "קוֹדֶם זָארְג זִיךְ פַאר מַיין גַשְׁמִיּוּת. מִיט מַיין רוּחְנִיּוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט מַיין גַשְׁמִיּוּת וָואלְסְטוּ מִיר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן"...

רֶבִּי מֶעכֶעלֶע ז"ל - עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק ז"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן - הָאט אַמָאל גֶעהַאט צוּ זִיךְ אַלְס גַאסְט, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי מֶעכֶעלֶע אַז עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶעט צוּ בּוֹיעֶן עֶנְקֶער שְׁטוּבּ אוֹיף תּוֹרָה און יִרְאַת שָׁמַיִם. אַז אִיר וִוילְט אֵייעֶר שְׁטוּבּ זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף שְׁטַארְקֶע יְסוֹדוֹת זָאלְט אִיר יֶעדֶע זַאךְ פְרֶעגְן, גָארְנִישְׁט טוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל; יֶעדֶע שְׁאֵלָה זָאלְט אִיר פְרֶעגְן אַ דַיָּין און אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ זָאלְט אִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַן עֶרְלִיכְן רָב, אַזוֹי וֶועט דֶער שְׁטוּבּ הָאבְּן אַ קִיּוּם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֵךְ תשפ"ב)



דער מולד וועט זיין: דאנערשטאג נאכט 55 מינוט מיט 13 חלקים נאך 12 | ראש חודש כסלו יהיה ביום השישי

**בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# בַּאֶרְעכֶנְט אַייךְ וָואס אִיר ווִילְט אִין לֶעבְּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַרְחֶשְׁוָן,
שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז אִיר זֶענְט אָפְן, אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז אִיר הָאט אַ בַּאהַאלְטֶענֶע אֵייפָּאוֹן אוּן אַז אִיר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי פִילְטֶער; זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין אָפְן, אַזוֹי קֶען מֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַייךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן אוּן בֶּעטְן פַאר אַייךְ.

אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן, טְרַאכְט אַרַיין מִיט אַן אֱמֶת, נָאךְ אַבִּיסְל זֶענְט אִיר אִין דִי יָארְן פוּן וֶוערְן אַ כַּלָה, וָואס פַאר אַ חָתָן ווִילְט אִיר? אַ בָּחוּר וָואס הָאט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן קוּקְט אוֹיף אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן? אַ בָּחוּר וָואס וֶוייקְט זִיךְ אִין שְׁמוּץ? אַ בָּחוּר וָואס וֶועט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַייךְ אוֹיסְשְׁפִּילְן? עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ עֶר דַארְף אַייךְ אוּן בֶּאֱמֶת וֶועט עֶר נֶעמֶען זַיין הֲנָאָה פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת? אָדֶער אִיר דַארְפְט אַ רֵיינֶער בָּחוּר וָואס הִיט דִי אוֹיגְן, עֶר וֶועט נָאר קוּקְן אוֹיף אַייךְ, עֶר וֶועט נָאר אַייךְ דַארְפְן, אוּן נָאר אַייךְ וֶועלְן?

ווִיסְן זָאלְט אִיר, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", מֶען בְּרֶענְגְט אַ זִיווּג לוֹיט דִי מַעֲשִׂים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַז אִיר וֶועט זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דִי נִסָיוֹן, אִיר וֶועט אָפְּלָאזְן דִי נַארִישֶׁע זַאכְן, וֶועט אֵייעֶר מַאן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי זַאכְן, אוּן אַז נִישְׁט וֶועט דִי לֶעבְּן זַיין זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

אִיךְ גֵיי נִישְׁט זָאגְן פַאר קֵיינֶעם אֵייעֶר עָבַר, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע חַבְרְ'טֶעס אוּן זִיךְ חַבְרְ'ן מִיט גוּטֶע מֵיידְלֶעךְ; גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ מֵיין נָאר אֵייעֶר גוּטְס, נָאר אִיר וֶועט בֶּענֶעפִיטִירְן אַז אִיר וֶועט זִיךְ הִיטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע חַבְרְ'טֶעס.

אִיךְ וֶועל אָנְטְרָאגְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַ גוּטֶער בָּחוּר וָואס וֶועט אַייךְ זַיין גֶעטְרֵיי אֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

שְׁרַייבְּט מִיר אַייעֶרֶע סִיוּמִים פוּן תְּהִילִים, שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר גֵייט אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע חַבְרְ'טֶעס; אִיר זֶענְט אַ גָאר גוּטֶע מֵיידְל, בְּלַייבְּט שְׁטַארְק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ"ב)

>>>>>>

אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף. הָאט אִים רֶבִּי מֶעכֶעלֶע גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט מִיר נָאכְזָאגְן פוּן מַיין זֵיידְן רֶבִּי נָתָן אַז אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ דַארְף זִיךְ נָאר זָארְגְן פַאר דִי גַשְׁמִיּוּת פוּן זַיין גַאסְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחְנִיּוּת.

דָאס אָבֶער נִישְׁט נָאר בַּיי אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ. מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן לַאו דַוְקָא בְּרוּחֲנִיּוּת, נָאר טַאקֶע בְּגַשְׁמִיּוּת.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶער זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַן הַכָּרַת הַטוֹב. נִישְׁט אֵייבִּיג וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נָאךְ גֵיין נָאךְ וַוייטֶער אַז יֶענֶער אִיז גָאר אַ "מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה" - אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין, וֶועט גָאר יֶענֶער צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ אִיד מֵיינְט עֶס אָבֶער מִיט אַן אֱמֶת, עֶר ווִיל בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וֶוער עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם. עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק דֶערְפַאר.

וֶוען אַ אִיד דַארְף הִילְף, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט דַאן זָארְגְן אוֹיף זַיין רוּחְנִיּוּת, נָאר זֶען מִיט וָואס מֶען קֶען אִים הֶעלְפְן, אַמָאל קֶען מֶען אִים הֶעלְפְן בְּגוּף אוּן אַמָאל מִיט גֶעלְט, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אַז יֶענֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַ צוּפְרִידֶענֶער. מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פַארְלָאפְן אִין דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ לֶערְנֶען דִי הַארְבְּקֵייט פוּן צוּרִיק צוּ הַאלְטְן דִי הִילְף פוּן אַ צוּבְרָאכֶענֶעם אִיד.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס דִי רָאשֵׁי קְהִלָּה הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אַ צְדָקָה קַאסֶע מִיט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דִי אָרִימֶעלַייט פוּן שְׁטָאט. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּזַאם גֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אֲסִיפָה דוּרְכְצוּגֵיין דִי בִּיכֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג הַכְנָסוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ שְׁנַיידְן דִי הוֹצָאוֹת צוּ קֶענֶען בַּאלַאנְצִירְן דֶעם בּוּדְזְשֶעט. אָבֶער אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי אוּמְוִויכְטִיגֶע אוֹיסְגַאבְּן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת אִין שְׁטָאט, צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער גֶעלְט פַאר דִי אָרִימֶעלַייט אִין שְׁטָאט.

דָארְט אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט מַמָּשׁ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי צְדָקָה קַאסֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוֹיסֶער דֶעם. עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע פוּן דִי צְדָקָה קַאסֶע, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת, אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוָוארְן דָאס לֶעבְּן. עֶס הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם, נָאר צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן נָאךְ וֵוייניגֶער אוּן וֵוייניגֶער, בִּיז דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

דֶער בַּאשְׁלוּס צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער צְדָקָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ גֶעווִיסְן רַב וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קַאסֶע. אוּן אַזוֹי ווִי דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אִין הִימְל אוֹיף דֶעם רַב. אוּן עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים גָאר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף רח"ל.

עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶגְבֶּערְן אִינֶעם קָאפּ פוּן דֶעם רַב מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דוּרְךְ קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֵיין שְׁמַדְ'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אֵיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶר אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם גַלַח פוּן שְׁטָאט אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר ווִיל זִיךְ שְׁמַדְ'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם קִטְרוּג וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים אִין הִימְל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי צְדָקוֹת אוּן דִי אָרִימֶעלַייט זֶענֶען אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער.

פַארְ'ן גַלַח הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט דֶער גַאנְצֶער עֵסֶק, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אַ חָשׁוּבֶ'ער רַב זִיךְ פְּלוּצְלִינְג וֶועלְן שְׁמַדְ'ן? עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס אִיז אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַן אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ מִיט וָואס מֶען ווִיל אִים עֶפֶּעס אָפְּטוּן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעיָאגְט צוּ עֶרְפִילְן דֶעם רַבְ'ס פַארְלַאנְג.

עֶר הָאט קוֹדֶם אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם רַב אוּן אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען זִיךְ צוּ זֶעצְן עֶפֶּעס עֶסְן אוּן אַזוֹי דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן דִי זַאךְ. אִינְצְווִישְׁן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רַב אַ שְׁטַארְקֶע בְּרָאנְפְּן, פוּן וָואס דֶער רַב הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן שִׁיכּוֹר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶעכְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז נָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזִיצְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי שְׁטָאט מֶעזְשִׁיבּוֹזְשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַלֶעס וָואס גֵייט נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם רַב. אוּן עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג בַּאפוֹילְן פַאר אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר זָאל גְלַייךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן מַאכְן הַבְדָּלָה, אוּן אַיינְשְׁפַּאנֶען דִי פֶערְד אוּן אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ יֶענֶעם שְׁטָאט צוּם גַלַחְ'ס הוֹיז. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען דָארְט, וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ דַארְפְסְט צוּ טוּן".

דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן אוּן גֶעטוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאפוֹילְן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גַלַחְ'ס הוֹיז אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי דֶער רַב לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְגַאנְצְן פַארְ'שִׁיכּוֹרְ'ט. דֶער רַב הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, דֶער גַלַח הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶער תַּלְמִיד הָאט אָבֶער פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר דַארְף טוּן. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רַב. עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם רַב זִיךְ צוּ גֵיין וַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן מַאכְן אַן הַמּוֹצִיא, אוּן דֶער רַב הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

נָאכְ'ן עֶסְן דִי חַלָּה, הָאט דֶער רַב בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אֱמֶתְ'דִיג חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַז

<<<<<<

>>>>>>

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא נִידְרִיגֶע מַצָב, עֶר אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם גַלַח'ס הוֹיז און עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

זֶעעְן מִיר פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקֵייט וֶוען מֶען הַאלְט נָאר צוּרִיק דָאס הִילְף וָואס אַ אִיד הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען. און עֶס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן יָא צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ מֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן און גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם צְוֵוייטְן אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֶזְרָה וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ מַאכְן גֶעלְט, וֶוען בֶּאֱמֶת וִויל עֶר גֵיין קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**תסא**

רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם וֶועג קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען צוּ פָארְן קוֹדֶם קַיין לִינִיץ, און דָארְט וֶועט עֶר שׁוֹין גֶעוואוֹיר וֶוערְן דֶעם וֶועג קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז זַיין טַאטֶע גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע פְּלֶענֶער, און עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ קַיין לִינִיץ, צוּם צַדִיק הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִינִיץ זי"ע, אַז וֶוען זַיין זוּן רֶבִּי נָתָן וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אִים, זָאל עֶר אִים גְלַייךְ צוּרִיק שִׁיקְן אַהֵיים בִּגְזֵרַת כִּיבּוּד אָב.

אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אַבִּיסְל גֶעבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אוֹיפְ'ן וֶועג, אִיז דֶער שָׁלִיחַ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לִינִיץ נָאךְ פַאר רֶבִּי נָתָן. און וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לִינִיץ און גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען אַרַיינְגֵיין צוּם צַדִיק, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער צַדִיק שְׁלָאפְט יֶעצְט, און מְ'הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם שָׁלִיחַ פוּן זַיין טַאטֶע וָואס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מְ'קוּמְט אָן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, און עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן לִינִיץ נָאךְ אֵיידֶער דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט.

**תסב**

מָאנְטָאג, י"ג אָדָר, הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאגֶעגְנְט ר' יוּדְל, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, און פַארְנַאכְטְס זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ דֶערְפְל וָואס אִיז גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ זִיבְּן קִילָאמֶעטֶער נָאנְט צוּ מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, און דָארְט הָאבְּן זֵיי מַשְׁלִים גֶעוֶוען דֶעם מִנְיָן.

פַאר דִי אָרְטִיגֶע אִידְן אִיז דָאס גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אִין דַארְף נָאר נַיין מֶענְטְשְׁן.

ר' יוּדְל הָאט גֶעלֵיינְט דָארְט דִי מְגִילָה, קוֹדֶם הָאט עֶר מֵעַיין גֶעוֶוען אִין דִי כַּוָּונוֹת הָאֲרִיזַ"ל, וַוייל עֶר פְלֶעגְט דַאוֶונֶען לוֹיט דִי כַּוָּונוֹת הָאֲרִיזַ"ל, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן.

**תסג**

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפַאסְט דָארְט נָאכְ'ן תַּעֲנִית. ר' יוּדְל אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אִין דָארְף, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ גֶעדִינְגֶען אַ וָואגְן און אִיז גֶעפָארְן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, און עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט נָאךְ חֲצוֹת.

עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, וואוּ עֶר קֶען גֵיין, וַוייל אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט זוּכְן עֶפֶּעס אַ שׁוּל וואוּ אַרַיינְצוּגֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט דָארְט אַיין.

עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען זוּכְן בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שׁוּל, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי שׁוּל אִיז פַארְשְׁפַּארְט פוּן אִינֶעוֵוייניג און נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵיינֶער אִיז דָארְט, און עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר. דֶער שַׁמָּשׁ פוּן שׁוּל וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט און גֶעפְרֶעגְט וֶוער סְ'אִיז דָארְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֵיינֶער וָואס קוּמְט פוּן אַ וַוייטֶע וֶועג, צוּם אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וָואס גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטָאט אוֹיף דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער".

דֶער שַׁמָּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ פוּן דִי יָארְן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, און וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעעֶפְנְט דֶעם טִיר מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן, "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ דֶערְוִוויסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע רֶבִּי? אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט און גֶעפָארְן אַזַא וַוייטֶע וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ אִים?"

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּשְׁטֶעלְן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ פְּלַאץ צוּ שְׁלָאפְן, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט נָאר גֶעפְרֶעגְט וואוּ דִי מִקְוֶה אִיז, דֶער שַׁמָּשׁ הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי מִקְוֶה, און עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען טוֹבְלְ'ן, און דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע נַאכְט. אִין יֶענֶע שׁוּל הָאט מֶען גֶעדַאוֶונְט וָתִיקִין, רֶבִּי נָתָן הָאט דָארְט גֶעדַאוֶונְט און אוֹיךְ גֶעהֶערְט דָארְט קְרִיאַת הַמְּגִלָּה, און דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן שַׁמָּשׁ צוּ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט דָארְט גֶעגֶעסְן בַּיי אִים, און עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל, אַז עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַ קְלָארֶע מֹחַ.

**תסד**

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בַּיים רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַסַאךְ פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן דָארְט דִי בַּייטָאג סְעוּדָה פוּן

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער לָאזְן מִיךְ אִיבֶּער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, און אִיךְ הָאבּ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט מַיין וַוייבּ; אִיךְ מַאךְ שׁוֹין בְּקָרוֹב חֲתוּנָה מַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד, און מַיין וַוייבּ זָאגְט אַז נָאךְ דִי קִינְד'ס חֲתוּנָה אִיז שׁוֹין צַייט זִיךְ צוּ צֶעטֵיילְן, וַוייל בִּיז יֶעצְט הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוייל זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט סְ'זָאל שָׁאטְן פַאר שִׁידוּכִים, אָבֶּער יֶעצְט וִויל זִי זִיךְ שׁוֹין צוּטֵיילְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט יוּנְג, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער קוּקְן נִישְׁט אוֹיף מִיר, און אִיךְ קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן אֵיינְזַאם אַלֵיין, אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן צוּ שְׁרַייבְּן מַיין וֵוייטָאג, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאבְּן עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף וֶועם הָאסְטוּ טַעֲנוֹת - אוֹיף דַיין וַוייבּ? אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער?!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵדֻיּוֹת ה, ז): "מַעֲשֶׂיךָ יְקָרְבוּךָ וּמַעֲשֶׂיךָ יְרַחֲקוּךָ", דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין און דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן מַאכְן מֶען זָאל דִיר מְרַחֵק זַיין.

הֵייבּ אָן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ וֶועט זִי רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִיר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ דִיר און רֶעדְן מִיט דִיר; דָאס לֶעבְּן אִיז וִוי אַ שְׁפִּיגֶעלֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְלְדִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל און וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים; אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועט מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר.

עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אַלְץ פַארְרֶעכְטְן; פִיר זִיךְ שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ - וֶועט זִי בְּלַייבְּן מִיט דִיר.

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

פּוּרִים, אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם פַּארְ'ן רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען נֶעכְטְן נַאכְט אִין דָארְף בַּיים לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אָבֶער דַיין נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר!"

דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן מְ'הָאט אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן, אָבֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט אוּן גֶעוואוּסְט וָואס עֶס וָוארְט אִים אָפּ וֶוען עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אַהֵיים אוּן מְ'וֶועט גֶעוואוּיר וֶוערְן אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעפָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב, נָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֵיינְט זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן אִים גֶעזָאגְט, "יֶעצְט אִיז פּוּרִים, יֶעצְט הַאלְט מֶען מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק, וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא סָפֵק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים! זָארְג נִישְׁט, נָאר בְּלַייבּ פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אַהֵיים!", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן דִי תּוֹרָה "קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ" וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז בּוּשָׁה אִיז דֶער עִיקָר הַתְּשׁוּבָה. אָבֶער מְ'דַארְף אוֹיךְ זַיין בָּקִי בְּשׁוּב. הָאסְט יֶעצְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם בָּקִי בְּרָצֹא, הָאסְט צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיימְגֵיין וֶועסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם בָּקִי בְּשׁוּב. אָבֶער דֶער עִיקָר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן!"

רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים דִי תּוֹרָה, אוּן אַז עֶר אִיז דֶער תַּלְמִיד וָואס וֶוערְט דָארְט דֶערְמַאנְט, אַ בְּחִינָה פוּן יְהוֹשֻׁעַ, אוּן עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן בִּיז בַּיינַאכְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# ניייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שבת התוועדות סיום סדר מועד, שבת פרשת פקודי הבעל"ט

נאכן שבת התוועדות סיום הש"ס פאר צוויי יאר צוריק אין קראון פלאזא סטעמפארד האטעל, האבן אנשי שלומינו תיכף געבעטן אז אזעלכע שבתים זאלן געפראוועט ווערן מער אפט; און מען האט טאקע געפלאנט אזא שבת פאריאר ווינטער, וואס צוליב דעם אלוועלטליכן "קאוויד" אויסברוך איז עס למעשה דאן נישט צושטאנד געקומען. געלויבט דעם אייבערשטן אז יעצט נאך איבער צוויי יארווארטן, איז געמאלדן געווארן די פריידיגע בשורה אז מען גרייט זיך שוין ווידער צו א גרויסע שבת התוועדות מיט אלע אנשי שלומינו אינאיינעם, וואס וועט אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר צוזאמען מיט'ן פרייליכן סיום סדר מועד, וואס וועט פארקומען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף שבת קודש פרשת פקודי אינעם הערליכן קראון פלאזא סטעמפארד האטעל.

די שמחה איז גאר גרויס ביי אנשי שלומינו ווען מען איז ברוך ה' ארויפגעשפרינגען אויפ'ן שנעל פארענדן באן, און מען לערנט יעדן טאג נאך א בלאט גמרא, און עס גלייבט זיך קוים אז מען האט שוין ברוך השם דורכגעלערנט אין די בערך צוויי יאר זייט די פאריגע סיום הש"ס, די מסכתות ברכות, שבת, עירובין, פסחים, שקלים, יומא, סוכה, ביצה. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען אין די קומענדיגע וואכן ביז'ן שבת התוועדות ענדיגן די איבעריגע מסכתות הש"ס פון סדר מועד: ראש השנה, תענית, מגילה, מועד קטן, און חגיגה; וואס דאס איז באלד א דריטל פון גאנץ ש"ס.

די עסקנים האבן געמאלדן אז עס ווארט א הערליכע שבת, מען וועט פארברענגען בשבת אחים, דאווענען אינאיינעם, עסן די סעודות שב"ק און זינגען זמירות שב"ק, הערן דרשות התחזקות, פון וואס מען וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסנעמען התחזקות און כח אנצוגיין פאר זיך פאר די בני בית און די קינדער פאר א לאנגע צייט.

די עסקנים האבן אפגעדינגען דעם גאנצן האטעל מיט אלע צימערן, פון וואס פילע צענדליגע זענען שוין געווארן אויסגעכאפט אין די קורצע צייט זייט מען האט מפרסם געווען די נייעס איבער'ן געהויבענעם שבת.

אנשי שלומינו ווערן געבעטן מען זאל זיך צואיילן און נעמען א צימער, ווייל ווי עס זעט אויס וועט נישט זיין גענוג צימערן צו אקאמאדירן אלע וואס ווילן זיך באטייליגן, און בפרט אז מען וויל צוערשט געבן די געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש זאלן קענען ארויסנעמען א צימער, בעפאר מען עפנט אויף פאר'ן ברייטן ציבור וואס וויל אויך האבן די זכיה מיטצוהאלטן אזא שיינעם און געהויבענעם שבת אינאיינעם מיטן ראש ישיבה.

ביז שבת חנוכה איז דא אן "עירלי ביורד ספעשל" פון $985 פאר א פארפאלק. צו באשטעלן רופט מו"ה שמעון פיש הי"ו 917-232-9070.

צוליב דעם גרויסן פארלאנג פון אנשי שלומינו תושבי ארץ הקודש, וואס ווילן נישט פארפאסן אזא שיינעם "שבת התוועדות" מיט'ן סיום, האט די באקאנטע רייזע אגענטור "פלען איט רייט" ערלעדיגט בס"ד גאר א גוטע פלייט פון ארץ ישראל קיין ניו יארק פאר גאר א גוטע פרייז. פאר מער פרטים קען מען רופן מו"ה אלי קנאלל אויף 718-506-4341.

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!**

***

# נאך אן אומזיסטע חתונה אין ישיבה

פארגאנגענע וואך איז געגאנגען אונטער די חופה החתן מו"ה משה איינהארן ב"ר שאול חיים הי"ו, עב"ג בת מו"ה יעקב יוסף פעלדמאן הי"ו. די חתונה איז פארגעקומען אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, און איז געווען נאך א רינגעלע אין די שיינע קייט פון שמחות וואס קומט פאר אין ישיבה, וואס קאסט נישט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים.

עס דערפריידט דאס הארץ צו זען אז עס זענען פארהאן קלוגע מחותנים, קלוגע חתן כלה, וואס זוכן נישט אויסצואווארפן געלט פאר נארישקייטן וואס מ'האט גארנישט דערפון א טאג נאכדעם. די חתונה איז געווען ברוך ה' אויפ'ן העכסטן פארנעם, אזוי ווי אלע שמחות אין ישיבה, צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם, און ס'האט נישט געקאסט קיין געלט.

טאג נאך טאג וואקסן די סטאנדארטן ווי אזוי א "נארמאלע" חתונה דארף אויסצוקוקן, זאכן וואס נישט לאנג צוריק האט קיינער אפילו נישט גע'חלומ'ט צוצושטעלן ביי א חתונה, איז שוין היינט ממש א "מוז", די חתונה קען נישט אנגיין אן דעם; צו די זעלבע צייט וואקסט די צאל מחותנים וואס האבן נישט דאס געלט צו צאלן פאר די אזוי גערופענע נארמאלע חתונות און מוזן צוקומען צו אנדערע מענטשן פאר נדבות, אדער נאך ערגער צו בארגן אדער איינקויפן אן קיין שום חשבון ווי אזוי דאס צו באצאלן; און גלייכצייטיג וואקסט אויך די צאל שמחות אין ישיבה, וואו די מחותנים קענען אהיימגיין נאך די חתונה מיט א רואיגע און פרייליכע געמיט, ווייסנדיג אז זיי קומען קיינעם גארנישט, זיי דארפן בלויז זיך פרייען מיט זייער שמחה, און שעפן די נחת.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א קשר של קיימא, זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל לשם ולתפארת.

**שמח תשמח רעים האהובים!**


# זייט מתפלל!

## פאר ר' יצחק בן פייגלא

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

# קוק נישט אויף צוריק

**האסט געהאט א שווערע דורכגאנג אין לעבן, די בעסטע עצה איז צו קוקן נאר פאראויס; ווי אזוי באווייזט מען דאס?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 19**

# עצתו אמונה אויף פּאָסט




סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**